בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | נח | ב' חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ה.

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען צו פראווען שלחנו הטהור אין היכל השלחנות ארום 9:45. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבישליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם ווידער הי"ו ראה"ק וראש העיר ד'קרית יואל.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק אלה תולדות נח, אויסטייטשנדי'ג בדרך אגדה מיט'ן אור החיים הק' וואס רעדט איבער הנטפל לה' וואס ווערט גערעכנט ווי דער ה' אליין, ארומרעדנדיג פון נח וואס איז געווען א בחינה פון ואתם הדבקים בה"א ממילא האט ער געקענט אנהאלטן במעמדו.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר מאיר וויינבערגער הי"ו פון אנטווערפן, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען חדב"ן הגה"צ ר' ברוך שליט"א רב ביהמ"ד ברך משה, עובדות וסיפורים האט דער רבישליט"א דערציילט פון הרה"ק ר' אליעזר מ'דשיקוב זי"ע וועמענס יארצייט עס געפאלט מארגן – מאנטאג.

מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' שמחה יוסף הירש שליט"א פון ירושלים עיה"ק, און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרב יואל שנעעבלאג שליט"א בן הגה"צ אבד"ק ראזלא שליט"א.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק אלה תולדות נח, וואס דער בעה"ט זאגט די סו"ת פון את האלקי'ם התהל'ך נ'ח איז חכ"ם, און דער רבי האט עס אויסגעטייטשט ע"ד מוסר בעניני לימוד התורה און מאריך געווען בדברי התעוררות בענין לימוד התורה.

נעכטן נאכט – מוצש"ק האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש דורך א הוק-אפ צום מעמד כבוד התורה פאר די תלמידי - יוצאי כיתה ט' פון מוסדותינו הקדושים אין וויליאמסבורג וועלכע'ס איז פאהרגעקומען נעכטן נאכט אין בנין הת"ת אין וויליאמסבורג און מרן רבינו שליט"א האט צוליב'ן שווערן וועטער אין קרית יואל נישט געקענט אנקומען באשיינע די מסיבה פערזענליך.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי דער רבי' שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני' הבר מצוה, הב' בן מוה"ר מאיר משה בערקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר גדלי' סעגעדין הי"ו מראשי הקרי' אין קרית יואל, און הב' בן מוה"ר יוסף עמרם מארקאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

בעפאר'ן דאווענע איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יושע גראס הי"ו פון מאנסי.

שׂ'מו מ'פארים פ'ינו

הננו בזה מביעים ברכת מזל טוב חממית מעומק לבבינו לידידינו החשוב והיקר העומד לימנינו בכל עת ועונה ה"ה כש"ת

**מו"ה שמואל מרדכי פריעדמאן הי"ו**

מחשובי עסקני קהלתינו הק' בעיה"ב לאנדאן יצ"ו

**לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט**

ויה"ר שיזכה לגדלה ולחנכה לתורה לחופה ולמעש"ט מתוך נחת דקדושה במדה גדושה והרחבת הדעת.

המברכים

*חברי המערכת*

## מאסיווער שניי-שטורעם פאראליזירט קרית יואל

א שאקירענדער און רעקארד-ברעכענדער-פריער שניי שטורעם איז דעם שב"ק באפאלן ניו יארק און אומגעגנט איבערלאזנדיג טייל געגענטער אונטער א שווערע זאווארכע.

אין די שטאט זעלבסט איז ב"ה דער וועטער דורך גאנץ בחסד און די מוסדות און בתי מדרשים האבן געקענט בעזהשי"ת אנגיין מיט'ן סדר היום ווי געווענליך.

קרית יואל אבער איז שווער געטראפן געווארן פונעם וועטער, וואס חוץ דער שווערער שניי זעלבסט, האט דער וועטער פאראורזאכט אראפגעפאנעלע שטאנגען און ביימער וואס האבן נאכגעפאלגט מיט ערענסטע קורצשלוסן וואס ביי טייל ערטער האט געדויערט ביז אינמיטן דעם היינטיגן טאג.

דער ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל איז אויך געווען פודי' באטראפענע פונעם קורץ-שלוס, דאס האט אבער נישט אפעקטירט דאס ביהמ"ד מיט אירע מיני' שחרית און סדר הלימודים אין היכל ראזענבערג וועלכער איז אנגעגאנגען ווי אומגעשטערט אונטער די ליכטיקגייט פון ליכט.

אזוי אויך האבן די עסקנים באלאכטן די קאווע שטובל און נאך ערטער מיט ליכט כדי אז אלעס זאל קענען אנגיין אומגעשטערט עצהיו"ט.

מוסדות קרית יואל האט געוצליך פארשלאסן דעם מיידל-שולע פאר'ן טאג, אזוי אויך איז נישט אנגעגאנגען דער ת"ת פון די גאנץ קליינע אינגלעך ביז כיתה א', און די חדרים פון כיתה א' און העכער האט זיך אנגעהויבן מיט צוויי שעה שפעטער ווי געווענליך.

גאהר שטארק האט זיך אנגעזעהן דאס מסי"נ פון די קרית יואל חברה הצלה, חברה מצילי אש און חברים וועלכער האבן נעכטן נאכט און היינט – זונטאג געארבעט אהן אויפהער צו העלפן די געשטראנדעטע און באטראפענע פונעם שווערן וועטער איג און אלט.

*-מי כעמך ישראל-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.